ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת מקץ

אידיש

**510**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק עשירי

## מקץ

אין דאָזיגן פרק ווערט ערקלערט ווי דער יצר הרע זוכט פאַרשידענע וועגן פון היתר כדי צו מאַכן זינדיגן דעם מענטש, און אַז די זינדיגע זענען איינגעטיילט אויף 20 כיתות.

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאלט
## פון צענטער פרק


**א.** אַן ענטפער אויף די רייד פון דעם רשע וואָס ער זאָגט אַז דער אויבערשטער וועט פאַר אים מותר זיין אויף זיינע זינד ........ ג

**ב.** ביז די פערטע עבירה איז דער אויבערשטער מוותר, און דערנאָך רעכנט ער אויך די ערשטע דריי זינד. - צוויי טעמים פאַר דעם ........ ד

**ג.** אַ סאַך אויסריידן פון היתר וואָס דער יצר הרע רעדט איבער דעם מענטש, כדי אים צו מאַכן זינדיגן ........ ה

**ד.** די זינדיגע מענטשן טיילן זיך אויף צוואָנציג כתות, און אַ סתירה פאַר יעדע איינע פון די דאָזיגע כתות. ........ ז

**ה.** דער וואָס וואַרפט אַרויף אַ פעלער אויף די ערליכע מענטשן, איז ער פול מיט עבירות. ........ יב

**ו.** אויב דו ווערסט זען אַ שלעכטן מענטש, אָדער איינעם וואָס שפעט אויף די רייד פון די חכמים, אָדער איינעם וואָס באַשעפטיגט זיך מיט רעדן לשון הרע, אָדער אַ קאַרגן מענטש, אָדער איינעם וואָס זאָגט ליגן, אָדער איינעם וואָס מאַכט ליצנות, אָדער אַ מענטש וואָס איז אַן עז פנים, אָדער אַ מענטש וואָס פאַרברענגט זיינע מערסטע טעג מיט סעודות. ........ יג

**ז.** ווי ווייטאָגליך איז דער וואָס טוישט אויס גוטס אויף שלעכטס ........ יד

# פרק עשירי

## אַן ענטפער אויף די רייד פון דעם רשע וואָס ער זאָגט אַז דער אויבערשטער וועט פאַר אים מוותר זיין אויף זיינע זינד

**א. יודע האמת,** דער אויבערשטער וואָס ווייסט דעם אמת און פאַרשטייט די מחשבות, דערקענט אין דער דעה פון רשע, וואָס שטאַרקט זיך צו זינדיגן דערמיט וואָס ער זאָגט, אַז השם יתברך טוט שענקען דעם מענטש וואָס זינדיגט. אָבער אונזערע חכמים ז"ל האָבן שוין געזאָגט אַז דער וואָס זאָגט אַז השם יתברך איז אַ "**וותרן**" זאָל זיין גוף הפקר ווערן ווייל ער לערנט מענטשן צו זינדיגן.

**אך,** נאָר איך וועל ברענגען אַ ראיה צום רשע מיט אַ איבער-צייגנדיגן באַווייז, אַז זיין מחשבה איז נאַריש און זיינע רייד זענען פאַלש. ווייל אויב דער אמת איז מיט אים, אַז השם יתברך שענקט דעם רשע אַלע זיינע עבירות, פאַרוואָס האָט השם יתברך באַדאַרפט הייסן דעם מענטש זיך אויסוועהלן אין וואָס פאַר אַ וועג ער זאָל גיין, אויב אַז ער וועט אַפילו גיין אין דעם שלעכטן וועג וועט ער אים אויך נישט שטראָפן?

**ואם,** און אויב וועסט ווענלן זאָגן אַז השם יתברך טוט עס כדי מפרסם צו זיין די חסד וואָס ער טוט מיט דעם זינדיגן, איז דאָך קשה פאַרוואָס איז דאָ איין רשע וואָס עס איז אים גוט און איין רשע וואָס עס איז אים שלעכט. מוז מען זאָגן אַז דעם רשע האָט ער געשענקט און דעם אַנדערן רשע האָט ער נישט געשענקט. איז דען חלילה דאָ ביי השם יתברך אַן עוולה? האָט ער געזאָלט דעם אַנדערן רשע אויך שענקען זיינע זינד.

**ב. ואין,** און אויך קען מען נישט זאָגן אַז עס איז דאָ אַ חילוק צווישן אַזעלכן וואָס זינדיגט צו דערצערענען, דעם שענקט השם

יתברך נישט, און אַזעלכער וואָס זינדיגט מחמת זיין יצר הרע רעדט אים אָן, דער איז אַ ביסל גלייך ווי אַן אונס, דעם שענקט השם יתברך יאָ. דאָס איז נישט קיין תירוץ, ווייל מיר זעען דאָך אַז אַ גרויסער רשע וואָס זינדיגט צו דערצערענען השם יתברך און עס איז אים פאָרט גוט, דעריבער איז געדרונגען אַז השם יתברך שענקט נישט, און פאַרוואָס צו איין רשע איז גוט און צו אַן אַנדערן רשע איז שלעכט? דערויף זאָגט די גמרא אין ברכות אַ טעם.

**ועוד,** און אויך, אויב עס איז אמת אַז השם יתברך איז מוותר, איז דאָך אומזיסט באַשאַפן געוואָרן דער גיהנם, און די תורה, נביאים און כתובים; גמרות און מדרשים דערציילן די ערטער וואָס די רשעים האָבן דערצערנט השם יתברך און ער האָט זיי געשטראָפט. אויך געפינען מיר אַז השם יתברך איז מדקדק אפילו מיט דעם צדיק אַפילו אויף גאָר קליינע עבירות.

### ביז די פערטע עבירה איז דער אויבערשטער מוותר, און דערנאָך רעכנט ער אויך די ערשטע דריי זינד. – צוויי טעמים פאַר דעם

**ב. א״כ,** דעריבער מוזטו, רשע, מודה זיין, אַז השם יתברך שענקט נישט, נאָר ער וואַרט צו געבן צייט דעם רשע, טאָמער וועט ער תשובה טאָן, און אַז ער טוט נישט קיין תשובה, שטראָפט ער אים פאַר אַלע עבירות וואָס ער האָט געטאָן. נאָר דערמיט איז ער מוותר, וואָס ער רעכנט נישט די ערשטע דריי עבירות און אַז ער זינדיגט מער פון דריי עבירות ווערן די דריי עבירות אויך גערעכנט צווישן די עבירות, אַזוי ווי דער רמב״ם שרייבט.

**וטעמו,** און דער טעם איז, ווייל פאַר דער שכינה איז דריי מחנות פון מלאכים און יעדע מחנה האַלט איין איין עבירה זי זאָל נישט

קומען פאַר דער שכינה. נאָר אַז ער טוט די פערטע עבירה גייט זי איבער צווישן די דריי מחנות און שטעלט זיך פאַר דער שכינה, דעריבער רעכנט מען אים שוין די עבירה צוזאַמען מיט יענע דריי.

**עוד,** נאָך אַ טעם פאַרוואָס השי"ת איז מאריך-אף ביז צו די פערטע עבירה, ווייל דער מענטש איז צונויף-געשטעלט פון דריי מחיצות: איינע אַרום דעם בלויז פון קערפּער, וואָס דאָרט ליגט דאָס האַרץ, און עס רוט די נשמה; די צווייטע, דאָס פלייש פונעם מענטש; די דריטע, די ביינער מיט די אָדערן. קומט אויס, אַז יעדער עבירה פאַראום-ווערדיגט איין מחיצה. און ווען דער מענטש זינדיגט די פערטע עבירה, וואָס זי רירט שוין אָן די נשמה, באַצאָלט מען אים פאַר אַלע פיר צוזאַמען.

## אַ סאַך אויסריידן פון היתר וואָס דער יצר הרע רעדט איבער דעם מענטש, כדי אים צו מאַכן זינדיגן.

**ג. הכלל,** דער כלל דערפון איז אַז דער יצר הרע זוכט צו דעם מענטש פיל צדדים פון היתר אים צו מאַכן זינדיגן, און דערנאָך ברענגט ער אים צו זינדיגן להכעיס ווייל ער געוואוינט אים איין אין די עבירות ביז ער ווערט אין זיי איינגעוואָרצלט קען ער זיך שוין מער נישט אָפּשיידן פון זיי און זינדיגט אַפילו במזיד, מחמת עס איז אים שוין שווער אַוועק צו לאָזן זיין געוואוינהייט.

**ואלה,** און דאָס זענען די צדדים פון היתר וואָס דער יצר הרע ווייזט. ביז דרייצן יאָר זאָגט ער צו אים, טו וואָס דיין האַרץ באַגערט, ווייל ביז דרייצן יאָר שטראָפט מען נישט ביים בית דין של מטה און נישט ביים בית דין של מעלה. ביז צוואנציג יאָר זאָגט ער צו אים, דאָס בית דין של מעלה שטראָפט נישט נאָר פון צוואָנציג יאָר און ווייטער, דעריבער טו דערווייל אַלע עבירות. און אַז ער ווערט אַלט צוואָנציג יאָר זאָגט ער צו אים, טו וואָס דיר קומט אין די הענט אַריין און דערנאָך וועסטו תשובה טאָן כדי דו זאָלסט זיין געליבט פאַר השם יתברך, ווייל

אויף דעם אָרט וואו די בעלי תשובה שטייען קענען די רעכטע צדיקים נישט שטיין, און נאָך אַז דו וועסט תשובה טאָן וועט פון די עבירות ווערן מצוות, וועסטו דאָך האָבן פיל מצוות.

**ואם,** און אויב דו האָסט מורא טאָמער וועט מען דיך כאַפּן ביי דער עבירה, דערפאַר באַדאַרפסטו קיין מורא נישט האָבן, ווייל דיין כוונה איז דאָך מקיים צו זיין די מצוה פון תשובה, וועט גאָט דיר אַוודאי העלפן דיך צו פאַרהוילן, כדי דיין גוטע כוונה זאָל מקויים ווערן, ווייל ער האָט ליב די וואָס טוען תשובה. דערנאָך אַז ער וויל תשובה טאָן זאָגט דער יצר הרע צו אים, אויב דו ווילסט נעמען מיין עצה איז בעסער דו זאָלסט פיל צייט טאָן די עבירות און שפּעטער וועסטו תשובה טאָן וועסטו מער שכר באַקומען, און נאָך דעם אַז ער וואָרצלט אים שוין איין אין די זינד, אַז ער וויל תשובה טאָן זאָגט ער אים, וואָס טויג דיר אַצינד די צרה תשובה צו טאָן, דער אויבערשטער איז דאָך מקבל די תשובה וואָס איינער טוט פאַר זיין טויט דרום וועסטו פאַר דיין טויט תשובה טאָן.

**כשרוצה,** און אַז ער וויל פאַר זיין טויט תשובה טאָן, מאַכט ער האַרט זיין נאַקן און לאָזט אים נישט קיין תשובה טאָן. און ווייל דער מענטש איז דעמאָלט שלאַף קען ער נישט ביישטיין קעגן אים און שטאַרבט אָן תשובה. און דעמאָלט גייט דער שטן פאַר אים און ווייזט אים פינצטערקייט און נישט קיין ליכטיקייט, און זיין יצר הרע רופט אויס פאַר אים, אַזוי ווערט געטאָן צו אַזעלכן וואָס האָט צוגעהערט צום יצר הרע און נישט געטאָן דעם ווילן פון באַשעפער, ביז ער גיט אים איבער צו די ממונים, די משחיתים, זיי זאָלן אים טאָן אַזוי ווי זיין משפט איז.

**די זינדיגע מענטשן טיילן זיך אויף צוואָנציג כתות, און אַ סתירה פאַר יעדע איינע פון די דאָזיגע כתות.**

**ד. ודע,** זאָלסט וויסן, אַז די זינדיגע ווערן צוטיילט אין צוואָנציג כיתות, כדי צו טוהן דעם ווילן פון זייער יצר הרע, און צו יעדע כיתה וועל איך שרייבן איר טעות.

**איין** כיתה זינדיגט ווייל זיי זאָגן השם יתברך איז אַ וותרן, און זייער טעות האָב איך שוין פריער געשריבן.

**די** צווייטע כיתה טראַכטן, מיר האָבן פיל דוחק און צער וועט דאָס פאַרגעבן אויף דעם וואָס מיר זינדיגן און דערויף פאַרזיכערן זיי זיך. אָבער זיי האָבן אַ טעות, ווייל השם יתברך שיקט זיי צו צער כדי זיי זאָלן זיך פאַרמיידן פון זינדיגן, און מיט דעם וואָס השם יתברך וויל זיי פאַרמיידן פון זינדיגן דערמיט זינדיגן זיי, דעריבער מאַכן זיי זייער עונש נאָך שווערער.

**כת שלישית,** די דריטע כיתה זאָגט, השם יתברך וויל נישט אַז דער רשע זאָל שטאַרבן אין זיין רשעות, דעריבער וועט ער אונז צושיקן אַ גרויסע מצוה וואָס זי זאָל מבטל זיין אַלע עבירות וואָס מיר האָבן געטאָן. אָבער זיי האָבן אַ טעות, ווייל דוקא דער וואָס וויל תשובה טוהן דעם העלפט מען פון הימל, אָבער נישט צו זיי.

**כת רביעית,** די פערטע כיתה זאָגן, פיל טויזנטער רשעים זענען דאָ אויף דער וועלט, ווי עס וועט זיין מיט זיי אַלע וועט מיט אונז אויך זיין. אָבער זיי האָבן אַ טעות, ווייל דער וואָס האָט נאָר שכל וועט ער דען זאָגן ווייל דער האָט זיך פאַראומגליקט דעריבער וועל איך דאָס אויך טוהן.

**כת חמישית,** די פיפטע כיתה זאָגן, אַז רוב פון דער וועלט זענען זינדיגער. נו, איז דען צו גלייבן אַז השם יתברך ברוך הוא וועט מאַכן פאַרלירן אַלע באַשעפענישן. ער וועט זיך מוזן מרחם און מוחל זיין, כדי עס זאָל מפורסם ווערן אַז ער איז אַ

דערבאַרעמדיגער. זיי קען מען אָפּוועגדן פון דעם דור המבול וואָס אַלע זענען געווען רשעים און השם יתברך האָט חרוב געמאַכט די וועלט איבער זיי.

**כת ששית**, די זעקסטע כיתה זאָגן, מיר וועלן זינדיגן און וועלן תשובה טוהן, און זייער טעות איז באַשיידט אין דער גמרא, דער וואָס זאָגט איך וועל זינדיגן און תשובה טאָן איז ער נישט זוכה תשובה צו טאָן.

**כת שביעית**, די זיבעטע כיתה זאָגן, מיר וועלן האָבן קינדער וועלן מיר זען זיי זאָלן עוסק זיין בתורה און זיין צדיקים און אַ זון קען דאָך מזכה זיין זיין פאָטער דעריבער וועלן זיי אונז מציל זיין פון גיהנם. און דער ענטפער דערויף איז, עס איז מעגליך אַז זיי זאָלן גאָר נישט האָבן קיין קינדער, און אַפילו יא, וועלן זיי זיין אַזעלכע רשעים ווי זייער פאָטער, און אַפילו זיי זאָלן זיין צדיקים, וועלן זיי זייער פאָטער נישט קענען מציל זיין פון דעם עונש, ווייל זיי האָבן זיך אויף דעם סומך געווען.

**כת שמינית**, די אַכטע כיתה טראַכט זיך, זייערע עלטערן זענען געווען גרויסע חסידים, הייליגע און האָבן זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש השם, מחמת דעם זכות פון אונזערע עלטערן וועט השם יתברך אונז מציל זיין פון גיהנם. אָבער זייער טעות איז באַשיידט אין די רייד פון אונזערע חכמים ז״ל אַז אברהם האָט נישט געקענט מציל זיין ישמעאל און יצחק האָט נישט געקענט מציל זיין עשו, כאָטש עס זענען דאָך נישט דאָ אַזעלכע צדיקים ווי זיי זענען געווען. און אַדרבא, דער וואָס קומט אַרויס פון צדיקים איז זיין עונש נאָך האַרבער, ווייל ער האָט זיך געהאַט פון וועמען צו לערנען און האָט נישט געלערנט.

**כת תשיעית**, די ניינטע כיתה טראַכטן, זיי זענען צדיקים פיל מיט מצוות, ווייל דאָס וואָס זיי האַנדלען וועגן פרנסה

דאָס איז אַ מצוה, און דאָס וואָס זיי שעלטן נישט קיין מענטשן און שטייען אויף גאַנץ פרי צו זייער אַרבעט. דעריבער זאָגן זיי, אויב מיר זינדיגן אַפילו, וועלן די עבירות בטל ווערן צווישן די פיל מצוות. אָבער זייער טעות איז באַשיידט, דער עיקר איז די זעקס הונדערט און דרייצן מצות וואָס שטייען אין דער תורה, און תורה לערנען. און אַפילו דער וואָס איז זיי מקיים, אויב ער זינדיגט רעכנט השם יתברך נישט אָפּ אַן עבירה פאַר אַן מצוה, דאָס מיינט דער פסוק השם יתברך נעמט קיין שוחד.

**כת עשירית,** די צענטע כיתה זינדיגן, ווייל זיי זאָגן ווער ווייסט אונז זען. אָבער זיי האָבן אַ גרויסן טעות ווייל די השגחה פון השם יתברך איז אין די גאַנצע וועלט, און דער דור המבול האָט אויך אַזוי געזאָגט זענען זיי פאַרלאָרן געוואָרן פון דער וועלט און השם יתברך האָט געוויזן צו אַלע מענטשן פון דער וועלט אַז ער זעט אַלע וועגן פון דעם מענטש.

**כת אחת עשרה,** די עלפטע כיתה זאָגן, אפשר וועט משיח קומען אין מיינע טעג און השם יתברך וועט מוחל זיין די זינד צו דעם דור פון משיח, אַזוי ווי עס שטייט אין ***ילקוט-ישעי'***, וועל איך ניצול ווערן פון אַלע שטראָף. דאָס קען מען זיי אָפּווענדן, ווייל אפשר וועט ער נישט קומען ביי זיין לעבן און אַפילו מען וועט אים מוחל זיין די זינד, וועט ער דאָך קיין שכר נישט האָבן אַזוי ווי דער וואָס האָט מקיים געווען די מצוות אין גלות, און וויפיל בושה וועט ער דעמאָלט איינעמען.

**כת שתים עשרה,** די צוועלפטע כיתה זענען אַ כת רמאים, זיי זינדיגן און טוען תשובה און זאָגן די זינד האָט מען שוין אונז מוחל געווען, דעריבער וועלן מיר נאָך איין עבירה טוהן און ווידער תשובה טוהן. אויף דעם אופן וועל איך פאַרזוכן אַלע עבירות, און אַז איך וועל שטאַרבן וועל איך קיין זינד נישט האָבן. און

זייער טעות איז, ווייל די כוונה פון זיין תשובה איז כדי נאָך אַמאָל צו זינדיגן. אפשר וועט השם יתברך אים טייטן תיכף נאָך דער תשובה כדי ער זאָל נישט ווידער זינדיגן, ממילא איז ער אַליין זיך גורם קורצע יאָרן.

**כת י״ג,** די דרייצנטע כיתה זאָגן, מען שטראָפט גאָר נישט פאַר עבירות, און זייער אָפּווענדונג איז, מיר זעען פיל רשעים ווערן געשטראָפט מדה כנגד מדה, גלייך ווי די מצריים זענען געשלאָגן געוואָרן מיט צען מכות, און יעדע מכה איז געווען קעגן דעם וואָס זיי האָבן געטאָן צו די אידן, און אַזוי איז המן געפאַלן אין דעם גרוב וואָס ער האָט געגראָבן צו מרדכי, און דאָס אַלץ ווייזט אַז עס איז דאָ אַ גאָט וואָס שטראָפט פאַר עבירות. און אויב דו וועסט זען רשעים וואָס ווערן נישט געפאַנגען אין דער נעץ פון זייערע זינד, דאָס איז ווייל השם יתברך וואַרט מיט׳ן חשבון און צום סוף וועט ער אים שטראָפן. און אויב ער איז געשטאָרבן מיט שלום דאָס איז פאַר זיי שלעכט ווייל ער וועט זיי באַצאָלן אין גיהנם וואָס איז ערגער פון די שטראָף פון דער וועלט.

**כת י״ד,** די פערצנטע כיתה זענען געשטרויכלט געוואָרן מיט פיל זינד, פונדעסטוועגן זענען זיי נושא חן ביי מענטשן, און דורך דעם זאָגן זיי, אונזערע מעשים זענען באַוויליגט פאַר השם יתברך, און דורך דעם זינדיגן זיי אַלע מאָל מער. און זייער טעות איז, עס איז מעגליך אַז השם יתברך באַצאָלט זיי אויף דער וועלט שכר פאַר עפעס אַ מצוה וואָס זיי האָבן געטאָן, אָדער זיי זענען נושא חן ביי אַזעלכע רשעים ווי זיי זענען, און אויך צדיקים באַדאַרפן חנפ׳ענען צו רשעים פון דרכי שלום וועגן.

**כת ט״ו,** די פופצנטע כיתה זאָגן, מיר ווייסן אַז די יסורים פון גיהנם זענען אָנגעגרייט פאַר די וואָס זינדיגן, פונדעסטוועגן ווילן מיר פאַרזוכן פון תענוגי עבירות. און זייער אָפּווענדונג איז וואָס דער

תענוג פון דער זינד איז נאָר איין רגע, און אַ זאַך וואָס האָט קיין קיום נישט דאַרף מען זיך דערין נישט אָנכאַפּן. אויך דאַרף אַ מענטש נישט פאַרבייטן פיל פאַר ווייניג, דען דער תענוג פון דער עבירה איז ווייניג, אָבער דער שכר פון עולם הבא איז זייער פיל.

**כת ט״ז**, די זעכצנטע כיתה זאָגן, די רשעים ווערן געמשפּט אין גיהנם צוועלף חדשים, וועל איך פאַרגעניגן האָבן אַלע מיינע טעג פון זינד און וועל ליידן גיהנם צוועלף חדשים. אָבער זיי האָבן אַ טעות. איידער דער רשע קומט אין גהינם ווערט זיין נשמה מגולגל פיל יאָר, וואָס דאָס איז פיל מאָל ערגער ווי גיהנם, און ער ברענגט זיין נשמה אין בהמות און חיות שקצים ורמשים, און דערנאָך גייט ער ערשט אין גיהנם.

**כת י״ז**, די זיבעצנטע כיתה זאָגן, מיר זענען שוין פאַרלאָרן פון עולם הבא, לאָמיר כאָטש האָבן עולם הזה, און זיי טוען וואָס זייער האַרץ גלוסט ווייל זיי טראַכטן, עס איז שוין פאַרלאָרן זייער האָפענונג. און זייער טעות איז באַשיידט, דען השם יתברך האָט געשטעלט די וועלט אויף תשובה און זיין האַנט איז אויסגעשטרעקט מקבל צו זיין בעלי תשובה. די טויערן פון תשובה זענען תמיד אָפן.

**כת י״ח**, די אַכצנטע כיתה זינדיגן מחמת קיינער האָט זיי נישט געהאַט צו לערנען, גייען זיי אין דער פינצטער און מיינען אַז זיי וועלן קיין עונש נישט האָבן. אָבער זיי האָבן אַ טעות, דען דער וואָס איז געבוירן אַ איד, ווען ער האָט נישט געהאַט ווער עס זאָל אים לערנען, ווען ער ווערט גרויס דאַרף ער זוכן און פאָרשן און לערנען תורה און מצוות.

**כת י״ט**, די ניינצנטע כיתה איז די קראַנקע וואָס מען גיט זיי עסן צוליב רפואה, זאַכן וואָס זענען אסור, און זיי פרייען זיך און זאָגן, ווייל די זאַך איז אונז געקומען בהיתר צו פאַרזוכן די אסור׳ע עסנוואַרג, לאָמיר פאַרגעניגן האָבן דערפון. זייער טעות איז: יאָ, זיי

מעגן עס עסן, נאָר ווייל זיי פרייען זיך אויף דער זאַך איז עס אַ גרויסע עבירה און דער עונש איז גרויס.

**כת עשרים,** די צוואָנציגסטע כיתה איז ווייבער וואָס פרייען זיך און זאָגן, עס איז גוט וואָס מיר זענען פטור פון פיל מצוות און פון לערנען תורה, זי איז זיי נישט געליבט און די מצוות זענען ביי זיי מבוזה, און זיי פרייען זיך וואָס זיי זענען נישט מחוייב מקיים צו זיין פיל מצוות. דערויף זענען זיי חייב פיל עונשים, ווייל דער חיוב פון תורה און מצוות איז אויף זיי אויך.

**כאשר,** ווי די חכמים ז"ל האָבן געזאָגט, עס שטייט אין פסוק "**כה תאמר לבית יעקב**" אַזוי זאָלסטו זאָגן צו דעם הויזגעזינד פון יעקב, דאָס מיינט מען די ווייבער, "**ותגד לבני ישראל**" און זאָלסט זאָגן צו די קינדער פון ישראל, דאָס מיינט מען די מענער, און דער פסוק רעדט פריער פון ווייבער ווי פון מענער. און זיי זענען חייב אין אַלע מצות לא תעשה און אַלע מצות עשה וואָס זענען נישט באַגרעניצט צו אַ צייט, נאָר פון די מצות עשה וואָס זענען באַגרעניצט צו אַ צייט זענען זיי פטור, ווייל דער עול פון זייערע מענער איז אויף זיי, חוץ פון פסח, חנוכה און פורים, ווייל די נס איז געשען דורך זיי. פסח, זענען די אידן אַרויסגעגאַנגען פון מצרים וועגן די פרומע ווייבער. חנוכה, איז דער נס געווען דורך אַן פרוי, יהודית. פורים, דורך אסתר. אויך, כאָטש זיי זענען פטור פון תורה זענען זיי מחוייב צו שטיצן זייערע מענער און זייערע קינדער זיי זאָלן לערנען, ווערט דאָס זיי גערעכנט גלייך ווי זיי לערנען.

## דער וואָס וואַרפט אַרויף אַ פעלער אויף די ערליכע מענטשן, איז ער פול מיט עבירות.

**ה. נקוט,** דעם כלל נעם דיר, דער וואָס וואַרפט אַ מום אויף ערליכע מענטשן און זוכט אויף זיי זינד, זאָלסטו וויסן, אַז ער איז פול מיט עבירות און טרייסט זיך דערמיט וואָס ער זאָגט עס זענען דאָ

פיל אַזעלכע מענטשן. און דער וואָס לויבט אַ מענטש צווישן אַ געזעלשאַפט, וואָס דאָרט זיצט איינער וואָס האָט יענעם פיינט, איז זיין כוונה, אַז דער שונא זאָל עס הערן און זאָל עס איבערדרייען צו שלעכטס און רעדן אויף יענעם שלעכטע רייד, און עס קומט אויס, אַז ער טוט מעשים פון זמרי און האָפט אויף שכר ווי פנחס, און זאָגט, איך האָב געמיינט אים צו לויבן.

**אויב דו וועסט זען אַ שלעכטן מענטש, אָדער איינעם וואָס שפעט אויף די רייד פון די חכמים, אָדער איינעם וואָס באַשעפטיגט זיך מיט רעדן לשון הרע, אָדער אַ קאַרגן מענטש, אָדער איינעם וואָס זאָגט ליגן, אָדער איינעם וואָס מאַכט ליצנות, אָדער אַ מענטש וואָס איז אַן עז פנים, אָדער אַ מענטש וואָס פאַרברענגט זיינע מערסטע טעג מיט סעודות.**

ו. **ואם**, אַז דו זעסט אַ מענטש אַ כעסן, זאָלסטו וויסן, אַז די גאוה איז ברענגט דאָס צו, און די שכינה איז ביי אים נישט חשוב, און זאָלסט מיט אים נישט האַנדלען. אַ מענטש וואָס איז תמיד טרויעריג, זאָלסטו וויסן, אַז ער האָט ווייניג בטחון, און זאָלסט נישט וואוינען אין זיין שכונה. אַ מענטש וואָס שפעט אויף די רייד פון די חכמים, דערווייטער זיך פון אים און זאָג אָן דיינע קינדער, אַז זיי זאָלן נישט אריבערגיין דעם אָרט.

**ואם**, אַ מענטש וואָס ער רעדט לשון הרע, האָט ער געוויס פיל בלוט פאַרגאָסן. אַ מענטש וואָס איז אַן אכזר און אַ קמצן, זאָלסטו פון אים נישט בעטן ער זאָל זיך דערבאַרעמען איבער דיר. אַ מענטש וואָס איז אַ לץ, איז מטמא ביי זיין לעבן אַזוי ווי נאָך זיין טויט. אויף אים האָבן אונזערע חכמים ז״ל געזאָגט, אַז ער איז נישט מקבל פני שכינה. אַ מענטש וואָס זאָגט ליגן, רעד נישט מיט אים. אַ מענטש וואָס איז אַן עזות מצח, לייד זיינע קללות און זידלען, ווייל אַז דו וועסט אים

ענטפערן, וועט ער דיך נאָך מער מבזה זיין. אַ מענטש וואָס פאַרברענגט זיינע טעג אין טרינקען און אין שלעכטע תאוות, זאָלסטו וויסן, אַז אלע עבירות וואָס קומען אים צו דער האַנט לאָזט ער זיי נישט אַוועק, און ער רעדט נישט אין שבח פון קיין שום מענטש און איז מבזה תלמידי חכמים און אויף זיין עלטער וועט ער ליידן הונגער און גיהנם.

## ווי ווייטאָגליך איז דער וואָס טוישט אויס גוטס אויף שלעכטס

**ז. אוי,** ווי איז צו דעם וואָס פאַרבייט די תורה וועגן ברויט. ווי דעם וואָס פאַרבייט די רוחניות'דיגע תענוגים אויף די גראָבע תענוגים. ווי צו דעם וואָס פאַרקויפט זיין חלק עולם הבא וועגן עולם הזה. ווי צו דעם גוף וואָס קליידעט זיך שיינע קליידער און קליידעט נישט אָן זיין נשמה. ווי צו דעם וואָס רייניגט זיין שטוב און רייניגט נישט זיין גוף פון עבירות. ווי צו דעם וואָס מיט זיין געלט פאַרדאַרבט ער זיין לייב. ווי איז צו דעם וואָס זוכט רו צו זיין גוף און נישט צו זיין נשמה. ווי צו דעם וואָס קומט נישט אין בתי מדרשות. ווי צו דעם וואָס זיינע ספרים זענען ניי, וואָס קיינער לערנט נישט אין זיי. ווי צו דעם וואָס פאַרטרייבט זיין שונא פון הויז און פאַר טרייבט נישט פון זיך דער יצר הרע. ווי איז צו דעם הויף וואָס אַלע זיינע שכנים זענען עמי ארצים.

**אוי,** ווי צו דער שטאָט וואָס אירע ראשים זענען יונגע לייט, עמי הארצים און אכזרים. ווי צו דעם וואָס טויט זיך אַליין און זיינע קינדער דורך זיינע זינד. ווי איז צו דעם וואָס גרייט זיך אָן שוועבל און פעך און גרימצאָרן. ווי צו דער שטאָט וואָס אירע מחלוקת איז פיל. ווי צו דער שטאָט וואָס אירע לומדים זענען ווייניג. ווי צו דעם וואָס דערקענט נישט די רייד פון זיין תורה. ווי צו דעם וואָס דערקענט נישט און האַלט נישט ערליך דעם וואָס האָט אים באַשאַפן. ווי צו דעם וואָס

מאַכט זיך הונגעריג פון תורה. וויי צו דעם בעט וואָס מען ליגט אויף איר אַ גאַנצע נאַכט. וויי דעם חכם וואָס באַנוצט זיך מיט זיין תורה. וויי דעם בעל מלאכה וואָס פאַרזיכערט זיך אויף זיין מלאכה אָן אַ שום בטחון אויף דעם אויבערשטן. וויי צו דעם רופא וואָס גייט נאָר צו אַן עושר און נישט צו אַן אָרימאַן. וויי צו די סוחרים וואָס גייען אַ גאַנצן טאָג אין עסק פון זייער סחורה אָן תורה און מעשים טובים. וויי צו פאָטער און מוטער וואָס לאַכן פון דער רשעות פון זייערע קליינע קינדער. וויי צו די יונגע לייט וואָס פאַרברענגען גאָר זייער כח אויף גאָרנישט. וויי צו די וואָס זענען שוין גאַנץ אַלט און דערמאַנען זיך נישט דעם טויט. וויי צו דעם וואָס זאָגט, עס וועט מיר זיין שלום און איך דאַרף זיך נישט מצרף זיין מיט דעם ציבור אין קיין שום צרה. וויי איז צו דעם וואָס פאַרברענגט אַלע זיינע טעג אין נאַרישקייטן און שטאַרבט אָן תשובה. וויי איז צו דעם גוף וואָס ווערים וועלן אים עסן און ער וועט ליידן שאַנד און זיין נשמה וועט שטיין בנזיפה. וויי איז צו דער בושה, וויי איז צו דער שאַנד.

❀ ❀ ❀

בעזרת השם יתברך

## הפרשה הזאת

# נדבת

הרה"ח מוהר"ר

# **אבי בן רות** דיין נ"י

❁

לעילוי נשמת זקינו הרה"ח

## מוהר"ר **דוד בן שלמה ורחל** ע"ה

## ת. נ. צ. ב. ה.

❁

בעזרת השם יתברך

# פרק שנים-עשר

## • ויחי •

אין דעם פרק ווערן ערקלערט אַ סאַך זאַכן וואָס דער מענטש דאַרף טוהן מכניע צו זיין דעם יצר הרע, און וועגן די שלעכטע מידה פון גאווה וואָס איז דער שורש פון אַלע עבירות.

דער הייליגער גאון וצדיק ר״ר הלל קאלאמייער זצ״ל האָט עדות געזאָגט אַז דער ״שבט מוסר״ האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאלט
## פון צוועלפטער פרק


א. אַזוי ווי אין גוף פון מענטש זענען דאָ איברים וואָס זענען חשוב'ער פון אַנדערע איברים – אַ טייל פון זיי דינען און אַ טייל פון זיי ווערן גערינט, אַזוי איז ראוי פאַר יעדער פאַרזאַמלונג פון מענטשן אַז אַ טייל פון זיי זאָלן זיין האַרן און אַ טייל פון זיי זאָלן זיין קנעכט............ג

ב. אַ מענטש זאָל זיך אָפּלערנען צו דינען דעם אויבערשטן פון דעם וואָס ער וויל נישט פאַר זיך.................................ג

ג. ווען אַ מענטש וויל לערנען תורה אָדער טוהן אַ מצוה, טרעפן זיך פאַר אים אַ סאַך שטרויכלונגען...........................ד

ד. אַן עצה צו פאַרטרייבן דעם יצר הרע פון זיך......................ה

ה. זאַכן וואָס העלפן בטל מאַכן דעם יצר הרע.........................ה

ו. די סיבה פאַרוואָס אַ מענטש קען נישט בטל מאַכן זיין יצר הרע דורך קיין שום וועג, דאָס נעמט זיך פון גאוה. אַ טעם פאַרוואָס גאווה ברענגט אַ מענטש צו טוהן וואָס זיין האַרץ גלוסט..........................................ו

ז. די הויפּט סיבה פאַרוואָס דער רשע האַלט זיך ביי זיין רשעות און לאָזט נישט זיין האַרץ תשובה טוהן................ז

ח. דער ענין פון מלחמה - משלים אויף דעם............................ז

ט. אַ מענטש זאָל זיך לערנען פון די שבטים, וויפיל ער דאַרף נאָכקלערן אין זיינע מעשים און זיך רייניגן פון יעדן פלעק.....................................................ח

# פרק שנים-עשר

**אַזוי ווי אין גוף פון מענטש זענען דאָ איברים וואָס זענען חשוב׳ער פון אַנדערע איברים – אַ טייל פון זיי דינען און אַ טייל פון זיי ווערן געדינט, אַזוי איז ראוי פאַר יעדער פאַרזאַמלונג פון מענטשן אַז אַ טייל פון זיי זאָלן זיין האַרן און אַ טייל פון זיי זאָלן זיין קנעכט.**

**א. יחיד המיוחד,** גאָט וואָס איז איינציג, האָט באַשאַפן די וועלט און האָט געגעבן אַ גרעניץ צו יעדער באַשעפעניש. אַ לייב איז אַ מלך איבער אַלע חיות, אַן אָקס איבער די בהמות. אַן אָדלער איבער די עופות, און דער מענטש איז אַ מלך איבער אַלע באַשעפענישן און השם יתברך איז אַ האַר איבער אַלע און קיין אַנדערער חוץ אים איז נישט דאָ. אַ טייל פון די באַשעפענישן הערשן איבער די אַנדערע, און ווען דאָס זאָל נישט זיין, וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט.

**וכן,** און אויך אין מענטשנ׳ס גוף זענען דאָ אַזעלכע איברים וואָס זענען הערשער און אַ טייל וואָס זענען דינער. די הענט און פיס דינען צו די איבעריגע איברים, און דער קאָפּ הערשט. אויך אין יעדער פאַרזאַמלונג פון מענטשן מוזן אַ טייל זיין הערן און אַ טייל קנעכט. אַ טייל פירן און אַ טייל ווערן געפירט, אַנדערש איז נישט מעגליך אַז די פאַרזאַמלונג זאָל האָבן אַ קיום. און ווייל קרח האָט געוואָלט אַז אַלע זאָלן זיין גלייך, איז ער פאַרלוירן געוואָרן, ווייל דורך זיין עצה וואָלט די וועלט אינגאַנצן פאַרלוירן געוואָרן.

**אַ מענטש זאָל זיך אָפּלערנען צו דינען דעם אויבערשטן פון דעם וואָס ער וויל נישט פאַר זיך**

**ב. הנלמד,** דערפון זאָל דער מענטש זיך לערנען צו דינען דעם וואָס ווערט געדינט פון אַלע, דאָס איז השם יתברך, און דורך

דעם וועט ער ניצול ווערן פון אַן אומגליק.

**ועוד**, נאָך איין מעלה איז צו די וואָס דינען אים, דאָס ער איז מבטל זיין ווילן פאַר זייער ווילן. אַז דער מענטש וויל נישט דינען זיין באַשעפער וועט אים גרויס בזיון גרייכן ביים יום הדין, אַז ער האָט געוואָלט זיין אַ קנעכט צו זיינע תאוות און נישט צו השם יתברך.

## ווען אַ מענטש וויל לערנען תורה אָדער טוהן אַ מצוה, טרעפן זיך פאַר אים אַ סאַך שטרויכלונגען.

**ג. וידע**, דער מענטש זאָל וויסן, אַז ווען ער וועט קומען לערנען תורה אָדער טאָן אַ מצוה, וועט זיך אים טרעפן שטערונגען, און דאָס איז די אַרבעט פונעם שטן. דעריבער זאָל דער מענטש זיך שטאַרקן מבטל צו זיין דעם רצון פון שטן, כדי ער זאָל נישט מאַכן מיט אים שותפות ח"ו. דער מענטש זאָל נישט טראַכטן, ווייל עס טרעפן מיך פיל שטערונגען, מן הסתם וויל השם יתברך נישט אין מיין תורה און מצוות. דאָס איז קיין טענה נישט. עס איז פאַרקערט, זיינע מעשים זענען באַוויליגט פאַרן אויבערשטן, נאָר דער שטן לאָזט אים נישט טאָן, און ער דאַרף מבטל זיין דעם רצון פון זיין יצר הרע, דעמאָלט וועט ער באַקומען זיין שכר פאַר די מצוות. ווייל אויב מצוות טאָן זאָל גרינג אָנקומען, וואָס פאַראַ שכר וואָלט אים דערפאַר געקומען. נאָר לויטן צער און פלאָג וואָס ער האָט, ביז ער הייבט אָן די מצוה, העלפט מען אים פון הימל איר צו ענדיגן, ווי אונזערע חכמים ז"ל האָבן געזאָגט, אַז דער וואָס קומט טאָן אַ מצוה אָדער תשובה, העלפט מען אים פון הימל. און ווען השם יתברך זאָל אים נישט העלפן קעגן דעם יצר הרע, וואָלט דער מענטש אים נישט געקענט בייקומען. השם יתברך באַצאָלט אים שכר אויף דעם וואָס ער האָט זיך מטריח און מצער געווען אין אָנהויב, צו קעמפן מיטן יצר הרע וואָס האָט זיך אים קעגן געשטעלט מיט פיל שטערונגען.

## אַן עצה צו פאַרטרייבן דעם יצר הרע פון זיך

**ד. ועתה,** אַצינד וועל איך דיר אַן עצה געבן אַוועקצוטרייבן דעם יצר הרע פון דיר. אַז דער יצר הרע וועט דיך אָנרעדן צו אַן עבירה, זאָלסטו דיר אויסמאָלן די צורה פון אַ גרויסן צדיק וואָס דו האָסט מורא פאַר אים, גלייך ווי ער שטייט פאַר דיר פול מיט גרימצאָרן, און דאָס וועט דיך דערשרעקן, און דורך דעם וועט שוואַך ווערן די חכמה פון יצר הרע, און מיט די געוואוינהייט וועסטו אויך טראַכטן, כאילו די שכינה שטייט קעגן דיינע אויגן, ווייל דער כבוד פון השם יתברך איז פול די גאַנצע וועלט, דעמאָלט וועט אויף דיר פאַלן אַ פחד און אַ פאָרכט צו אונטערטעניגן דיין פאַרשטאָפּט האַרץ.

## זאַכן וואָס העלפן בטל מאַכן דעם יצר הרע

**ה. ואם,** און אַז דער יצר הרע וועט פאָרט נישט אונטערטעניג ווערן, זאָל דער מענטש זיך פאָרשטעלן, חיות רעות יאָגן נאָך מענטשן און רוצחים שטייען מיט שווערדן און שעכטן מענטשן פאַר דיינע אויגן, און גלייך ווי אַ שטורם-ווינט וואַרפט איין דאָס הויז אויף אים. און דורך דעם וועט זיין גוף דערציטערט ווערן און נישט זינדיגן. און אַז דאָס וועט נישט העלפן, זאָל ער זיך פאָרשטעלן גלייך ווי ער ליגט אין קבר דאַן וועט ער שוין אונטערטעניג ווערן. און אַז דאָס אַלץ וועט נישט העלפן זאָל ער זיך אַליין אָנטוהן צער אַז עס זאָל אים וויי טוהן, וועט זיין יצר הרע אָפּגעטאָן ווערן פון אים. ווייל עס איז בעסער ער זאָל זיך אַליין שלאָגן איידער מען זאָל אים שלאָגן אין גיהנם. אויך איז בעסער דער גוף זאָל געשלאָגן ווערן איידער די נשמה.

**גם,** אויך העלפט מבטל זיין דעם יצר הרע, ער זאָל זיך טובל'ן אין קאַלטע וואַסער. איבערהויפּט העלפט מכניע צו זיין דעם יצר הרע, ער זאָל לערנען מיט אַ הויך קול די שלעכטע זאַכן אין ירמיה, און אין איוב, און אין קהלת וואו ער מאַכט אַלע זאַכן פון דער וועלט פאַר אַן הבל. אויך זאָל ער נישט מפסיק זיין פון זיין לערנען. און אויב ער

האָט די אַלע זאַכן געטוהן און פונדעסטוועגן האָבן זיי אים נישט געהאָלפן און האָט געזינדיגט, זאָל ער זיך נישט מייאש זיין פון השם יתברך צו בעטן ער זאָל אים העלפן תשובה טוהן, ווייל די טויערן פון תשובה זענען נישט פאַרשלאָסן.

**וכל,** און יעדעס מאָל וואָס זיין יצר הרע וויל זיך שטאַרקן איבער אים זאָל ער טוהן דאָס פריער דערמאַנטע, ווייל אויב דאָס וועט דאָס ערשטע מאָל נישט העלפן וועט עס אים העלפן צום צווייטן אָדער צום דריטן מאָל. אויך פון הימל וועט מען אים העלפן, ווייל זיי זעען אַז ער האַלט מלחמה מיטן יצר הרע מיט די דערמאַנטע סגולות. און אַפילו ווען פון הימל העלפט מען אים נישט און ער זינדיגט, זאָל ער זיך פאָרט נישט מייאש זיין און תשובה טוהן.

**די סיבה פאַרוואָס אַ מענטש קען נישט בטל מאַכן זיין יצר הרע דורך קיין שום וועג, דאָס נעמט זיך פון גאוה. אַ טעם פאַרוואָס גאווה ברענגט אַ מענטש צו טוהן וואָס זיין האַרץ גלוסט.**

**ו. ואדם,** דער מענטש וואָס קען נישט מכניע זיין דעם יצר הרע דורך קיין שום זאַך, דאָס קומט פון גאווה. ווייל די גאווה איז אַ שורש צו אלע עבירות. און כדי אָפּצוטוהן זיין גאווה זאָל ער וואַנדערן פון איין שטאָט צו דער אַנדערער, דורך דעם וועט ער אונטערטעניג ווערן און וועט געהיילט ווערן פון די עבירות. אָבער אויב ער וועט די גאווה נישט אָפּטוהן פון זיך איז קיין רפואה נישט פאַראַן צו זיין מכה, ווייל די גאווה מאַכט בלינד די אויגן פון רשע, ווייל יעדער זעט דאָך אַז דער סוף פון רשע איז שלעכט, און ער אַליין זעהט דאָס נישט.

**ואני,** איך האָב געזען פיל מענטשן וואָס זענען געווען בעלי גאווה פון זייער קינדהייט אָן און זענען געשטאָרבן מיט דעם, ווייל זיי האָבן נישט געלערנט ווי אַזוי צו אונטערטעניגן די גאווה. אַנדערע מענטשן האָב איך געזען, וואָס זענען אין זייער יוגנט געווען בעלי

גאווה און דערנאָך זענען זיי געוואָרן גרויסע ענווים און פרום, ווייל זיי האָבן זיך באַהאָפטן צו תלמידי חכמים און האָבן פון זיי געלערנט ווי שלעכט די גאווה איז און האָבן עס אַוועקגעוואָרפן.

## די הויפט סיבה פאַרוואָס דער רשע האַלט זיך ביי זיין רשעות און לאָזט נישט זיין האַרץ תשובה טוהן

**ז. ודע,** די הויפט סיבה פאַרוואָס דער רשע טוט וואָס זיין האַרץ באַגערט און נישט קיין תשובה, ווייל דער רשע ווען די ערשטע עבירה קומט צו אים אין דער האַנט, ציטערט ער איר צו טוהן, ווייל ער האָט מורא פון די שטראָף, און ער טוט די עבירה מיט גרויס פאָרכט, דערנאָך אַז ער זעט, אַז עס האָט אים נישט געגרייכט קיין שום שאָדן און אויך אַז פיל רשעים ווי ער זענען מיט גרויס הצלחה, דורך דעם ווייזט אים זיין יצר הרע אַז מען שטראָפט גאָרנישט פאַר די עבירה, און ווען ער ברענגט אים שוין אַריין אין דער דאָזיגער כפירה, טוט ער שוין וואָס זיין הארץ באַגערט ביז ער ווערט איינגעזונקען אין די עבירות.

## דער ענין פון מלחמה – משלים אויף דעם.

**ח. וזהו,** און דאָס איז אַ גרויסער טעות, יעדער קען עס זען, און איך וועל עס געבן צו פאַרשטיין מיט אַ משל.

**לאדם,** צו איינעם וואָס האָט צובראָכן די טיר פון דער תפיסה און האָט די אַרעסטירטע אַרויסגעלאָזט פון דאָרט. האָט דער אויפזעער דאָס דערהערט און האָט אים זייער רייך געמאַכט. נו, דאַרף דאָך דער מענטש טראַכטן צו זיך, ווי געשיקט זיך דאָס, ווייל איך האָב דערצערנט די רעגירונג, זאָל זי מיר גאָר געבן כבוד. דאָס מוז נאָר זיין אַז מען מאַכט מיך גרויס כדי דערנאָך מיך שטאַרק אַראָפּצו-וואַרפן און מיר אָנטוהן גרויסע עונשים און דאַן וועט דער עונש פיל געטאָפּלט זיין, איידער מיך שטראָפן ווען איך בין אָרים.

**על דרך,** ווי דער עולם זאָגט הלצה **"עני חשוב"** דער וואָס איז פריער געווען אַ גרויסער חשוב און רייך און דערנאָך איז ער אָרים געוואָרן **"כמת"**, דער איז גלייך ווי אַ מת, ווייל דאָס נידעריגקייט וואָס קומט נאָך דעם ווי ער איז פריער גרויס, דאָס פילט זיך מער ווי דער וואָס איז אָרים און נידעריג פון זיין געבורט. און אַזוי ווי אונזערע חכמים ז"ל האָבן געזאָגט אַז השם יתברך מאַכט גרויס דעם רשע כדי אים דערנאָך נידעריג צו מאַכן און צו מאַכן פאַרלירן אים פון דער וועלט. אַ ראיה דערצו איז המן הרשע, וואָס השם יתברך האָט אים גרויס געמאַכט כדי זיין מפלה זאָל דערנאָך נאָך זיין גרעסער.

**אַזוי** איז די זעלביגע זאַך מיט דעם זינדיגן, וואָס השם יתברך באַגליקט אים כדי אים צו מאַכן פאַרלירן דערנאָך. אדרבא, ער דאַרף נאָך וויינען און קלאָגן אויף דער הצלחה, ווייל אין דער הצלחה איז געמישט סם המות, ווייל ווי געשיקט זיך דאָס אַז ווייל ער האָט פיל געזינדיגט באַגליקט מען אים.

**אַ מענטש זאָל זיך לערנען פון די שבטים, וויפיל ער דאַרף נאָכקלערן אין זיינע מעשים און זיך רייניגן פון יעדן פלעק.**

**ט. ילמוד,** דער מענטש דאַרף זיך לערנען פון די שבטים וואָס אין זיי איז נישט געפונען געוואָרן קיין פגם נאָר וואָס זיי האָבן פאַרקויפט יוסף קיין מצרים, און כאָטש דאָס איז דאָך געווען אַ סיבה פון השם יתברך כדי זיי זאָלן נידערן קיין מצרים און זאָלן פון דאָרט אַרויסגיין צו נעמען די תורה, פונדעסטוועגן וויפיל האָבן זיי זיך מצטער געווען אויף דעם וואָס זיי האָבן אים פאַרקויפט, כדי צו רייניגן דעם פלעק פון זיך, און האָבן זיך משפיל געווען פאַר אים און געבעטן ער זאָל זיי מוחל זיין, און ווען זייער פאָטער איז געשטאָרבן האָבן זיי געשיקט צו אים, מיר בעטן דיך, פאַרגיב די זינד פון דיינע ברידער. כאָטש מיר האָבן דיר געטאָן אַ רעה, בעטן מיר דיך פאָרט דו זאָלסט אונז מוחל זיין. מכל שכן אַז יעדער מענטש דאַרף בודק זיין זיינע

מעשים אויב ער האָט עפּעס אַן עבירה און דערויף תשובה טוהן, כדי ער זאָל זיין נשמה אָפּגעבן צו השם יתברך קלאָר און ריין אַזוי ווי ער איר געגעבן צו אים, אמן.

❀ ❀ ❀